און רעדט אין בית המקדש צום פֿאָלק אַלע רייד
21 פֿון דעם דאָזיקן לעבן. און ווען זיי האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי אינדערפֿרי אַרײַנגעגאַנגען
אין בית המקדש אַרײַן און האָבן געלערנט. אָבער
דער כהן גדול איז געקומען און די, וואָס
זענען געווען מיט אים, און האָבן צונויפֿגערופֿן דאָס
סנהדרין און אַלע זקנים פֿון די בני ישראל, און
געשיקט צו דער תּפֿיסה, מען זאָל זיי ברענגען.
22 און די משרתים זענען אַהינגעגאַנגען און האָבן זיי
נישט געטראָפֿן אין תּפֿיסה, און האָבן זיך אומגע־
23 קערט און דערציילט, אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן
געפֿונען דאָס געפֿענקעניש פֿעסט פֿאַרשלאָסן און די
וועכטער שטיין בײַ די טירן; אָבער אויפֿעפֿנענדיק,
האָבן מיר אינעווייניק קיינעם נישט געפֿונען
24 און ווי דער מיליטערישער הויפּטמאַן פֿונם בית
המקדש און די הויפּט־כהנים האָבן געהערט די
דאָזיקע ווערטער, זענען זיי פֿאַרצווייפֿלט געוואָרן
איבער זיי, וואָס עס וועט פֿון דעם דאָזיקן
25 ווערן: דאַן איז עמיצער געקומען און זיי דער־
ציילט: זע, די מענער, וועמען איר האָט אײַנ־
געזעצט אין תּפֿיסה, זענען אינעם בית המקדש, און
26 שטייען און לערנען דאָס פֿאָלק. דעמלט איז דער
מיליטערישער הויפּטמאַן אַוועק צוזאַמען מיט די
משרתים, און זיי געבראַכט, (דאָך) נישט מיט
געוואַלד; וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַרן
27 פֿאָלק, מען זאָל זיי נישט שטייניקן. און האָבן זיי
28 געבראַכט און אַוועקגעשטעלט פֿאַרן סנהדרין. און
דער כהן גדול האָט זיי געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן: האָבן
מיר אײַך נישט שטרענג באַפֿוילן, נישט צו לערנען
אין דעם דאָזיקן נאָמען, און זע, איר האָט אָנגעפֿילט
ירושלים מיט אײַער לערנונג, און ווילט איר ברענגען